## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: איהר האט געהערט, פא־ציע שבת הגדול. די קעניגליכע קאמיסיע וועלכע האט געזאלט אביעקטיוו אפשאצען די לאגע אין ארץ ישראל ווייזט אפט ארוים א סך בייזען ווילען בנוגע די יודישע עדות.

שבת הגדול: נו וואס איז דער חידוש? די קעניגליכע קאמיסיע האט דאך אנגעהויבן די טע־טיגקייט בימי עדוואָרד — ס׳איז דאך זיין קא־מיסיע!

קורצער פרייטאג: מה ענין שמיטה אצל תשמיש המיטה? ווי קומט א פאטש צו גיט שבת?

שבת הגדול: שוטה בן פיקהאלץ! דער קע־ניג עדוואָרד האט דאך אבדיקירט, אזוי ווי ער איז קיין קעניג נישט, איז זיין קאמיסיע ממילא קיין קא־מיסיע נישט!...

---

### אונטער די קוליסען.

רעצענזענט (צו דער זינגערין): איך בע־וואונדער אייער שטימע.

ארטיסטקע: אזוי ענטציקט זענט איהר?

רעצענזענט: ענטציקט בין איך נישט, איך בעוואונדער נאר, ווי אזוי איהר וואגט ארויס־צוטרעטען פארן עולם מיט אזא פייפער....

---

### א מאָדנע מענש

— נאך אלעם, איז דער פאבריקאנט ק—קי א מאָדנע מענש: ס׳גאנצע לעבען האט ער פערלוירען ס׳געזונט כדי צו ראטעווען געלד, און איצט פער־לירט ער געלד, כדי צו ראטעווען ס׳לעבען.

---

### אין גלות ביי א יוד..

דער ענגלישער עקס־קעניג איז געפאָהרען אפ־ריכטען גלות נאך ווין, ער וועט איינשטעהן ביי ראטשילד׳ן.

ער האט זיך א פנים בערעכענט: אז די יודען וואס זענען אין גלות ביי די גוים — לעקען נישט קיין האניג, וויל ער שוין בעסער זיין אין גלות ביי א יוד..

פלוידערזאק.

---

### די ריכטיגע צייט

ער: קען איך איצט בעטען ביי דיין פאטער דיין האנד?

זי: געוויס, איצט איז די ריכטיגע צייט אויף דעם.

ער: ??

זי: וויל דער פאטער האט ערשט וואס בעקו־מען א רעכנונג פון מיין שניידערין.

---

## ווי אַלט איז ער?

### א נייע פארציע גרעזעכץ

פאמעראנץ: בענעק, דו קענסט רעכענען?

בענעק: יא.

פאמעראנץ: אויב אזוי וועל איך דיר גע־בען אנ׳אויפגאבע. אז אן האב מיך ארייגעזעצט אין א טאקסובקע אויף רוג זאוואדזקא און פעטרי־קאווער און געפאהרען ביז גייערס מארק, בעצאהלט האב איך 3.50 זל. טא ווי אלט איז געוועזען דער שא־פער?

בענעק: איך ווייס? אוודאי א דר,סיגער!

פאמעראנץ: נישט געטראפען. ער איז אלט געוועזען 36 יאהר.

בענעק: פון וואנען ווייסטו דאס?

פאמעראנץ: כ׳האב געפרעגט דעם שא־פער ווי אלט ער איז.

---

## ווען שרייבט זיך איהם אמבעסטען?

### נישט קיין וויץ.

אין ליטעראטען פעראיין אין ווארשע, פרעגט איי־נער א בעקאנטען דיכטער:

— זאגט מיר, וועלכע שעה אין טאג שרייבט זיך אייך אמבעסטען?

— אייביג צווישען 7־טען און 20־טען גלעזעל־ — האט דער דיכטער געענטפערט.

---

### א געענדיגטער

— אייער זוהן איז געקומען פון ווילנער אוני־ווערזיטעט, האט ער שוין בעקומען דעם טיטול דאקטאר?

— דערווייל האט ער בעקומען דעם טיטעל חולה.

א. איטקין.

---

## אנ׳איידעל קינד

### א קרבן פון דער גליטש

מיעטעקל איז אהיים געקומען מיט די ליזשוועס פון דער גליטש פרעגט איהם די מוטער:

— נו, מיעטעקל, האסט זיך גוט געוויילט אויף דער גליטש?

— יא, כ׳האב מיך געוויילט, נאר איין יונגעל האט זיך אויסגעגליטשט און זיך גוט צעקלאפט, האָ־בען אלע יונגלעך פון איהם געלאכט, נאר איך אייגער אליין האב געוויינט.

— דאס איז זעהר שיין פון דיין זייט מיעטעקל, אז דו האסט אנ׳איידעלען כאראקטער, און ווער איז געוועזען דאס יונגעל?

— דאס בין איך־געוועזען, מאמעשי.

---

### פונקט ווי א זייגער

א מענש איז געגליכען צו א קלאַנגדיגען זייגער: איז ער א בחור, לויפט ער — נאך מידלעך — נאך דער חת׳נה — פערשפעטיגט ער (צום ווייב).

א. איטקין.

---

### מדה כנגד לאקשען

אין קינא זיצט א בחור מיט א מויד א מרשעת. דער בחור בעשיט זי מיט קאמפלימענטען וועגען איהר שעהנקייט.

— א שאד, זאגט די מרשעת, וואס איך קען אייך נישט ענטפערן, מיט די זעלבע קאמפלימענטען.

ענטפערט דער בחור: טוט אזוי ווי איך. זאגט א ליגען.

---

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: האסט געהערט טרייטעלשי קרוין, דער אבדיקירטער קעניג עדוואָרד איז געפאָהרען אפריכטען גלות.

טרייטעל: יעצט האב איך אין איהם א נקמה דערפאר, וואס ארויסצוקריגען פון איהם א סערטיפי־קאט נאך ארץ־ישראל איז אנגעקומען מיט דער גרינער גאל, טא זאל ער זשע במחילה אויך א ביסעל פערזוכען דעם טעם פון גלות...

פלוידערזאק.

---

### אין באלוט.

קינד (צום ארבייטסלאזען פאטער): וואוהין פיהרט מען עם דעם טויטען?

פאטער: מ׳פיהרט איהם אין אזא ארט, וואו אלעם פעהלט: נישטא קיין עסען, קיין קליידער קיין זאך איז דארט נישטא.

קינד: אוי ווער, פיהרט מען דאך איהם גע־ווים צו אונז אין שטוב!

א. איטקין.

---

### א זיוג משמיי דריי בראשית

רב: וואס איז צווישען אייך?

מאן: כ׳טאר מיט איהר נישט לעבען, ווייל זי איז א גאנצער היטלער.

רב: וואס הייסט?

מאן: זינט כ׳האב מיט איהר חתונה געהאט, האט זי פון מיין געשעפט פון „היט" געמאכט „לער" ווייב: גלויבט איהם נישט רבי, ער איז אנ־ענדערע. בראנפען טרינקט ער, שלאגען האקט ער, און א געמיין ווערימדיג פיסק האט ער.

רב: קום ביסטו צנ׳ענדעק און זי א היט־לעריסטקע זייט איהר א געפאסט פאר.

א. איטקין.

---

### ס׳זענען דא מענשען

ס׳זענען דא מענשען און ענדעקעס.

ס׳זענען דא מענשען מיט קורצע הענד און כלל פערזארגער.

ס׳זענען דא מענשען וואס האבען פיינד פראָ־צעסען און ווירטסלייט.

ס׳זענען דא מענשען וואס שעהמען זיך צוזעהן נאקעט, און ווייבער.

ס׳זענען דא מענשען וואס יאגען זיך נישט נאך געלד און חתנים.

ס׳זענען דא מענשען וואס שלאפען נישט בייטאג און היינטיגע קרעמער.

ס׳זענען דא מענשען וואס האבען ליב צו רעגי־רען און עדוואָרד דער 8־טער.

א. איטקין.

---

### נישט נויטיג

מאן (צום ווייב): חנה, דו געהסט אין טעא־טער און נעהמסט נישט מיט די שטומשנע צייך?

ווייב: זיי וועלען מיר נישט זיין נויטיג, היינט שפילט מען א דראמע, וועל איך נישט דארפען לאכען.

---

# דער קונדס

● הומאר ● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

בייקאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 291 פרייטאג, דעם 18 דעצעמבער 1936

## די קעניגליכע קאמיסיע ביי דער ארבייט...



